START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1898.15

Moshe Montefyore: mit-sezon forshtelung. Boyberik, 1948.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1898.15

Moshe Montefyore: mit-sezon forshtelung.
Boyberik : [Kemp Boyberik], 1948.
17 p. ; 28 cm.

1. Children's drama, Yiddish.--lcsh
I. United States-New York

ID : NXYH02-B4049 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /24882

Reduction ratio X 10.0

13/24882

משה מאנטעפיארע

1885 - 1784

מיט־סעזאָן פארשטעלונג, בזיבעריק 1948

קעמפ קומט ארויס, זעצט זיך אויס. אלץ צום מיט־סעזאָן
ניגון: מען קומט ארויס מיט אמעריקאנער פאן מען זינגט
הימנע.

קול: די וועלט נעמט מיך ארום מיט שטעכיקע הענט
אונ טראגט מיך צום פייער און טראגט מיך צום שייטער
איך ברען און איך ברען און איך ווער ניט פארברענט
איך הייב זיך אויף ווידער און שפאן אוועק ווייטער

אט שפאן איך זיך איין אין געשפאן פון א פערד
און איבער מיר בייטשט א דערצאָרנטער רייטער
ווי אן אָקער א שארפער איך גראב דורך די ערד.
איך הייב זיך אויף ווידער און שפאן אוועק ווייטער.

איך וואוין אין א תפיסה. איך ריים אויף די צעל
עס טרעט איבער מיר צו זיין גליק דער באפרייטער
און מיך לאזט ער ליגן אין בלוט ביי דער שוועל -
איך הייב זיך אויף ווידער און שפאן אוועק ווייטער.

אין בלוט מיינע קליידער, די פיס קוים איך שלעפ.
איך קום מיט ליבשאפט פון לעצטן געלייטער.
איך קום צו א שטיבל און פאל אויף די טרעפ -
איך הייב זיך אויף ווידער און שפאן אוועק ווייטער.

(ה. לייוויק)

גרופע (עלטסטע: יינגלעך און מיידלעך): איך הייב זיך אויף ווידער און שפאן אוועק
ווייטער (2 מאָל).

גרופע (זעלביקע), זינגען דאס ליד (ערשטן און לעצטן סטראף).

שילד 1 - (יינגל מיט שילד: „1948 - יידישע האפענונגען אין ארץ ישראל")

(גייט ארום פאמעלעך צווישן עולם און קינדער)

דערווייל הייבט אָן מוזיק צו שפילן הארע. גרופע קומט ארויס,
טאנצט הארע. (אָפ)

שילד 2 - (1948, - יידן קעמפן אין ארץ ישראל).

(גייט ארום צווישן עולם ווי פריער.)

גרופע (קומט ארויס צום טאקט):

די רעכטע האנט דעם אקער
די לינקע האלט די שווערד,
דאס רעכטע אויג צום תפילה
דאס לינקע קוקט די ערד.

דאס פעלד דאנקט אָפ פאר ארבעט,
און בענטשט מיט גרינס און ברויט
דער שונא קומט מיט פייער
און וועקט פון טויט דעם טויט

מיר שטרעקן הענט פול שלום
דער פײַנט צינדט אָן די ערד.
פארוואַרפן מיר דעם אקער
און ציִען שטײַף די שווערד.

ישראל קומט איצט ארבן
דאס צוגערויבטע לאנד.
מיט תפילות אויף די ליפן
און גרייט מיט ביקס אין האנט.

זיי בלײַבן שטיין אין פראנט פון בינע און זינגען דאס ליד. (אפ)

קול: ביטער איז געווען די לאגע פון אונדזער פאלק אין ניינצנטן יאר־הונדערט. בלוט־בילבולים אין סיריע, אין ארץ ישראל, אין מאראקאָ פאגראָמען. אין רוסלאנד, אין פערסיע, א שרעקלעך אומגליק אין איטאליע. ייִדן ווערן געיאָגט און געפייניקט און געטריבן. אונדזער בלוט און אונדזערע טרערן זאפן זיך איין אין דער ערד. ייִדן וויינען און בעטן צו גאט:

זאגט פסוקים פון א קאפיטל. תהילים.

קינדער זאגן נאך שורה נאך שורה. (בלויז ערשטע פיר און לעצטע צוויי)

מײַן גאָט, מײַן גאָט, פארוואָס האסטו מיך פארלאזן.
ווייט פון מײַן הילף זענען די ווערטער פון מײַן געשריי.
מײַן גאָט, איך רוף בײַטאג און דו ענטפערסט ניט,
און בײַנאַכט, און ניטא קיין שטילונג פאר מיר.
ניט דערווײַטער זיך פון מיר, ווארים די נויט איז נאענט
ווארים ניטא ווער עס זאָל העלפן.
ווי א וואסער בין איך צערונען געווארן,
און אלע מײַנע בײנער האבן זיך צעשאָטן.
מײַן הארץ איז געווארן ווי וואקס,
צעגאנגען איז מײַן איינגעווייד.
אויסגעטריקנט ווי א שארבן איז מײַן מוח
און מײַן צונג איז צוגעקלעפּט צו מײַן גומען.

מוזיק – תפילה.

(עס קומען אריין דר. לעווי און משה מארקאטאָ)

דר. לעווי: איך בין שוין אזוי לאנג דער סעקרעטאר פון משה מאנטעפיארע. איך פאר מיט אים אומעטום, אבער איך הער אלץ ניט אויף אים צו באוואונדערן.

מאָקאטאָ: וואס אייגנטלעך באוואונדערט איר אין אים?

דר. לעווי: ווי געטריי ער היט אָפּ ייִדישקייט. וואו ער פארט נעמט ער מיט זײַן אייגענעם ייִדישן קובער און כשר'ע כלים און אייגענעם שוחט. וואו ער קומט זוכט ער א מנין צום דאווענען.

מאקאטא: נו, פאראַן א סך פרומע ײדן אויף דער וועלט. און איר אלײן, היט איר דען ניט אָפּ ײדישקײט?

דר. לעווי: יא, אבער ער איז דאך שטענדיק מיט לארדן. פרינצן, קיניגן אט דאס איז דאס וואונדער.

מאקאטא: אזוי דארף זײן א ײד, און מײן פלימעניק, ר׳ משה מאנטע־פיארע, איז אן אמתער ײד.

דר. לעווי: מען זאגט אז ווען ער איז יונג געווען, זײט איר, זײן פעטער, געווען זײן לערער אין ײדישקײט.

מאקאטא: אמת, אבער שוין דעמאלט איז ער אגדערש געווען ווי א סך יונגע ײדן בײ אונדז אין לאנדאָן. ער האט זיך שטענדיק געריסן צו זײן א פרומער, ערלעכער ײד. עס איז בײ אים געווען א גרויסער יום־טוב ווען ער האט געלאזט אויפבויען די בעווינס מארקס שול בײ זיך אין ראמסגײט.

דר. לעווי: האט ער אויך שוין אין זײן יוגנט ארויסגעוויזן אזא ליבע צו ארץ ישראל?

מאקאטא: פונקט ווי הײנט. ער פלעגט מיר שטענדיק זאגן אז ווען ער וועט עלטער ווערן וועט ער מוזן פארן צו זען ירושלים מיט די אײגענע אויגן.

דר. לעווי: אײדער מיר לאזן זיך ארויס אויף א װײטער נסיעה גײען מיר תמיד אין דער בעווינס מארקס שול אפריכטן תפילות.

מאקאטא: אלע ײדן, אפילו גױים, האבן אים אזוי ליב, און גיבן אים אָפּ כבוד, ווײל ער איז אזא ווארעמער שטאָלצער ײד, און שעמט זיך קײנמאל ניט עס ארויסצווײזן אפילו פאר קעניגן און פרינצן.

דר. לעווי: וואס העכער עס ווערט זײן פאזיציע אלץ מער דארף ער זיך אנשטרענגען אפצוהיטן זײן ײדישקײט.

מאקאטא: דערפאר קלאפט נעבעך זײן הארץ אזוי שווער, זינט ער האט זיך דערוואוסט אז......

דר. לעווי: יא, איך ווײס, ער האט מיר אלײן געוויזן זײן טאגבוך וואו ער פארשרײבט אלץ אזוי פינקטלעך, הלוואי זאל זיך עס ענדיקן צום גוטן.

ײנגל 1: (לויפט שנעל ארײן): געהערט משה מאנטעפיארע איז אויס־געקליבן געווארן פאר שעריף פון לאנדאָן און מידלעסעקס.

דל. לעווי: טאקע? אויסגעקליבן? א דאנק דיר גאָט. ווי שטארק זײן הארץ האט געקלאפט.

מאקאטא: פון וואנען ווײסטו עס? ווער האט עס דיר דערצײלט?

ײנגל 2: (לויפט ארײן): משה מאנטעפיארע, אונדזער נײער שעריף. אלע וואונדערן זיך. דער ערשטער ײד. גאנץ לאנדאָן קלינגט (אפ בײדע ײנגלעך).

דר. לעווי (צו מאקאטאן): ניט ווייניק האט דערמיט צו טאן קעניגן וויקטאריאס פערזענלעכע אכטונג צו מאנטעפיארען. (שפאצירן ארויס)

קול: דאס איז געווען א גרויסער טאג אין מאנטעפיארעס לעבן. אבער אויך דא האט ער ארויסגעוויזן זיין צוגעבונדנקייט צו יידישער פרומקייט. אין זיין טאג־בוך פארשרייבט ער:

קול (ענגליש):

I shall have the greatest difficulties to contend with: in the execution of my duty; difficulties which I shall meet with at the very outset. The day I enter on my office is the commencement of our New Year, Rosh Hashana. I shall therefore have to walk to Westminster instead of going in my state carriage, nor, I fear, shall I be able to dine with my friends at the inauguration dinner which, from time immemorial, is given on the 30th of September, i.e. on Yom Kippur. I shall, however, endeavor to persuade my colleagues to change the day to the 5th of October.

משה מאקאטא און דר. לעווי קומען צוריק אריין.

דר. לעווי: יא, די ערשטע נסיעה קיין ארץ ישראל האט ער געמאכט אין 1827, ערשט אויף דער צווייטער רייזע, אין 1839 בין איך מיט אים געווען, מיט אים און מיט זיין הארציקער טייערער פרוי יהודית.

מאקאטא: דערציילט עפעס פון אייער רייזע. מען דערציילט ווילדע זאכן פון הייליקן לאנד.

דר. לעווי: אין טערקיי האט מען אים אויפגענומען ווי א פרינץ, מיט זייער אסך כבוד.

מאקאטא: ער האט דאך געהאט די בעסטע רעקאמענדאציע־בריוו פון פרעמיער מיניסטער אליין.

דר. לעווי: אוודאי, אונדזער לאנדאנער רעגירונג האט אלץ געטאן פאר אים.

מאקאטא: אבער אין ארץ ישראל ?

דר. לעווי: קיין צפת האבן מיר ניט געטארט פארן אן באוואפנטע זעלנער. דאס לאנד איז פול מיט באנדעס רויבער. און דאס איז נאך ניט אלץ.

מאקאטא: אנדערע צרות אויך ?

דר. לעווי: אפילו וואו צו שלאפן איז נים געווען. ניטא קיין האטעל אין הייליקן לאנד, האבן מיר געמוזט מיטנעמען א ביידל עם אויפשטעלן, און שלאפן אין דרויסן.

מאקאטא: האט איר קײן מורא ניט געהאט?

דר. לעווי: איך האב די מאנטעפיארעס ניט געלאזן אלײן. איך בין גאנצע נעכט געשטאנען לעבן בײדל מיט אן אנגעלאדענעם רעוואלווער, און געשלאפן בײטאג.

מאקאטא: און ווי האבן זײ זיך געהאלטן?

דר. לעווי: אן שום מורא. ער האט אפט אויפגעהויבן א ביסל זאמד פון דער ערד, עס געגלעט און זײנע אויגן זענען פיכט געווארן פון טרערן. אזא כוח האט אויף אים ארץ ישראל. (אפ)

קול: אינעם טאג-בוך פון משה מאנטעפיארע שרײבט ער אזוי הארציק וועגן ארץ ישראל.

קול: (ענגליש)

As we drew nearer to Jerusalem the aspect of the country became more sterile and gloomy. The land was covered with thorns and briars, and sadly did the words of the Psalmist rise to the thoughts: "He turneth rivers into a wildaeness and the water - springs into dry grounds; a fruitful land into barrenness, for the wickedness of them that dwelt therein.

קול: און ווײטער האט ער געטראכט וועגן הילף פארן לאנד און פאר זײנע ברידער.

קול:(ענגליש)

I shall, please Heaven, on my return to England, form a company for the cultivation of the land and the encouragement of our brethren in Europe to return to Palestine. By degrees I hope to induce the return of thousands of our brethren to the land of Israel.

קול: אזוי איז אויפגעגאנגען א האפענונג, א האפענונג, א גרויסע האפענונג.

טאנץ – האפענונג.

2.

אויסרופער (גײט ארום און רופט): ידן, שטײט אויף, אלע ידן פון דער וועלט שטײט אויף, א בלוט-בלבול אויף ידן אין דמשק, סיריע. הײנט דאס יאר 1840 ווערט א פינסטער יאר פאר ידן. צענדליקער ידן ארעסטירט, טײל פארפײניקט צום טויט זײ זאלן זיך מודה זײן. ידן האלטן זיך שטארק, אבער די געפאר איז גרויס פאר אונדז אלעמען. ידן, שטײט אויף. אלע ידן פון דער וועלט, שטײט אויף.

(מען פירט ארויס ארעסטירטע יוסף לאנײאדא, דוד הארארי, משה אבולאפיא. פראקוראר קומט אן. 2 וועכטער שטײען די גאנצע צײט.)

פראקוראר: איר ווײסט אז שוין 2 חדשים זינט דער קאפוציינער גלם, פאטער טאמאסא, איז ערגעץ פארשוואונדן, איר ווײסט אויך אז ידן האבן אים געהרגעט צו באנוצן זײן בלוט אויף אײער פארשאלטענעם פסח. זאג מיר, יוסף לאניאדו, ביסטו זיך מודה?

יוסף: ס'איז ניט אמת, ס'איז א ליגן, מיר ידן....

פראקוראר: איך פרעג דיך ניט וועגן ידן. ענטפער: ביסטו זיך מודה?

יוסף: איך שווער בײ גאָט אז.....

פראקוראר: קענטיק, אז מען האט דיך נאך צו װײניק געפײניקט. נעמט
אים צו. (מען נעמט אים אװעק.)

פראקוראר: און דו, דוד הארארי, דו זעסט אויס צו זײן א קלוגער מענטש.
פארוואס זאָלסטו באצאָלן מיט דײן לעבן צו באשיצן די ייִדן וואס
באגײען פארברעכנס. אפשר האסטו עס טאקע ניט געטאן. אבער דו
ווײסט דאך ווער עס האט געהרגעט פאטער טאמאסא.

דוד: יא, איך ווײס, איך ווײס אז ייִדן טארן ניט פארגיסן קײן בלוט,
בלויז דאס ווײס איך.

פראקוראר: אהא, דו רײצסט זיך נאך מיט מיר. אויב דו וועסט זיך ניט
מודה זײן וועלן מיר אומברענגען אלע ייִדן פון דמשק.

דוד: אבער דאס איז א בלבול אויף אונדז. מיר זענען געטרײע,
פרידלעכע בירגער.

פראקוראר: פירט אים ארויס, דעם חוצפהדיקן ייִדן. (מען פירט אים ארויס)

פראקוראר: איך ווײס, דו אבולאפיא, ביסט אנדערש פון אלע ייִדן. דו [illegible]
שטאמסט פון א גרויסער משפחה. מיט 600 יאר צוריק איז
אברהם איבן שמואל אבולאפיא געווען א גרויסער געלערנטער,
א פירער בײ ייִדן אין טאלעדא, שפאניע. פון אים קומסטו
ארויס. איז דאס ריכטיק?

אבולאפיא: (קוקט שטאר, שווײגט.)

פראקוראר: אזוי וועסט אלץ דערצײלן וועלן בלויז די שולדיקע לײדן. ווילסטו
ברענגען אומגליק אויף די אומשולדיקע?

אבולאפיא: (שווײגט)

פראקוראר: דו פארשעמסט דײן זײדן, דעם גרויסן אברהם איבן שמואל
אבולאפיא. דו באדעקסט מיט חרפה זײן קבר. ווער האט געהרגעט
דעם פאטער טאמאסא? פארוואס שווײגסטו?

אבולאפיא: (שטעלט זיך אויף, גײט צו נעענטער צום פראקוראר,
ווערטער שטײען גרײט. הײבט אויף זײנע אויגן צום הימל אין
תפילה. דערלאנגט א שפײ אויפן פראקוראר. וועכטער לויפן
צו, שלעפן אים ארויס. פראקוראר ווישט זיך אָפ ווילד פון
כעס).

וועכטער: (קומט ארײן): דער פראנצויזישער קאָנסול. מעסיע ראטי מענטאן
וויל אײך זען.

פראקוראר: פיר אים ארײן.

ראטי מענטאָן: (באגריסט זיך): איך בין טיף איבערגעצײגט אז די ייִדן זענען
שולדיק. איך האב נאר מורא אז איר וועט שוואכער ווערן צוליב
דער אײנגעשפארטקײט פון די ארעסטירטע.

פראקוראר: אבער זעט נאר וואסער טומל ייִדן קענען מאכן.

ראטי מענטאן: יא, די גאנצע וועלט איז פול. קעניג לואי פיליפ שטעלט זיך איין פאר זיי, כאטש ניט מיטן גאנצן הארצן. אבער פרינץ מעטערניק פון עסטרייך איז זייער ערנסט.

פראקוראר: דאס גאנצע אינטערנאציאנאלע יידנטום פילט זיך געטראפן.

ראטי מענטאן: אדאלף קרעמיע, זייער אדוואקאט אין פראנקרייך, משה מאנטע-פיארע. און דער סער מאזעס פון ענגלאנד, גאנצע וועלטן רייסן זיי איין.

פראקוראר: אז מען מאכט אזעלכע געוואלטן איז א סימן אז מען איז שול-דיק.

ראטי מענטאן: שולדיק, אדער ניט שולדיק, עס מוז נעמען א סוף צו יידישער הערשאפט.

פראקוראר: אפשר איז גוט וואס מען האט ארויסגעריסן סיריע פון דער טערקישער מאכט.

ראטי מענטאן: דאס איז די איינציקע האפענונג.

פראקוראר: אונדזער הערשער, דער עגיפטישער פאשא מהעמעט אלי, ער וועט זיך טוין אן עצה געבן.

ראטי מענטאן: זיכער יידן קענען לייכט אונטערקויפן דעם פארפוילטן טערקישן הויף, אבער מעהעמעט אלי, אהא, ער איז אן אדורכגעטריבע-נער יונג.

פראקוראר: לאמיר געדענקען איינס, זיך האלטן פעסט, און פייניקן זיי ביז צום טויט.

ראטי מענטאן: עס מוז נעמען א סוף צו יידישער הערשאפט (ביידע אפ)

<u>מוזיק</u>

קול (בעת מעהעמעט אלי קומט אריין): מעהעמעט אלי, עגיפטישער פאשא, הערשער פון סיריע. טראכט וועגן דער באגעגעניש מיט משה מאנטעפיארע וואס קומט מיט הויכע רעקאמענדאציעס פון דער ענגלישער רע-גירונג.

מעהעמעט אלי זעצט זיך, מישט פאפירן, טראכט.

קול: יידן פון אלעקסאנדריע פרייען זיך, משה מאנטעפיארע איז אין זייער שטאט. אלע גיבן אים אפ כבוד. צוזאמען מיט זיין סעקרעטאר, דר. לעווי, איז ער געקומען זיך באמיען פאר די יידן פון דמשק.

(מאנטעפיארע און דר. לעווי קומען אריין).

מעהעמעט אלי: (גייט אנטקעגן): גרויסע געסט ביי מיר, זייער חשובע געסט. זעצט זיך.

מאנטעפיארע: עקסעלענץ, מיר האבן איך געבראכט פריינדלעכע גרוסן פון איר מאיעסטעט קעניגין וויקטאריע און פון זיין עקסעלענץ פרעמיער מיניסטער לארד פאלמערסטאן, ספעציעל פארן בעדיוו מעהעמעט אלי.

מעהעמעט אלי: דאס איז א גרויסער כבוד, און איך בעט איבערצוגעבן קעניגין און דעם פרעמיער מיין טיפע דאנקבארקייט.

מאנטעפיארע: איך האף אז איר וועט אויך קענען באוויליקן מיין בקשה וואס דר. לעווי, מיין סעקרעטאר, האט נעכטן איבערגעגעבן אייער רעגירונג.

מעהעמעט אלי: ליידער דאס נישט. איך קען אייך נישט דערלויבן צו פארן קיין דמשק, ווייל די באפעלקערונג איז שטארק אויפגערעגט אין פארבינדונג מיט דער מארד־באשולדיקונג קעגן די יידן.

מאנטעפיארע: איך רעכן אז איך וואלט געקענט באווייזן דעם אומזין פון אזא באשולדיקונג קעגן דער יידישער אמונה.

מעהעמעט אלי: אבער איר זייט אן ענגלישער בירגער, און דאס איז א ריין סירישער ענין.

מאנטעפיארע: אבער איך בין א ייד. די שולד פאלט אויף אלע יידן.

מעהעמעט אלי: ווי פייאיק איר זייט אויפצוקאכן די גאנצע וועלט צוליב א לאקאלן ענין.

מאנטעפיארע: ווייל אלע ציוויליזירטע מענטשן פארשטייען די שרעקלעכע אומגערעכטיקייט קעגן אונדז.

מעהעמעט אלי: אנטשולדיקט מיר, סער מאזעס, איך איז אפשר באקאנט וויפיל פון רויטשילדס מיליאנען מען האט באצאלט צו וועל... ראטעווען די יידן אין דמשק פראצעס.

מאנטעפיארע: עקסעלענץ, עס טוט מיר לייד, און עס פארשאפט מיר פארגעניגן אייך צו זאגן אז אסך ווייניקער וויפיל איך האב באצאלט אייער דינער פאר אויפהענגען מיין מאנטל.

מעהעמעט אלי: איך האב אייך נישט געמיינט אויפצורעגן אבער עס פארדריסט אט דער ווילדער טומל וואס איר אלע מאכט.

מאנטאפיארע: אויב איר קענט מיך נישט לאזן פארן קיין דמשק האב איך פאר אייך אן אנדער פארשלאג, וואס וועט זיין דייער פאסיק פאר אייך, דעם זון פון גרויסן אפלאם.

מעהעמעט אלי: וואס ?אויב נאר מעגלעך, זיכער סער מאזעס.

מאנטאפיארע: די גרויסע גייסטער און פירער פון אייער פאלק און אמונה וועלן אייך זיכער דאנקען ווען איר וועט באפרייען די אומשולדיקע ארעסטירטע יידן.

דר. לעווי: גאט איז אונדזער עדות אז זיי זענען אומשולדיק.

מעהעמעט אלי: זיכער איז דאס ליבטער ווי פארגרעסערן דעם טומל דורך אייער רייזע קיין סיריע. גוט איך וועל בעטן מען זאל זיי מוחל זיין און באפרייען.

דר. לעווי: דורך באנוצן דאס ווארט „מוחל זיין" וועט נאך אלץ הענגען די באשולדיקונג קעגן יידן.

מעהעמעט אלי: נו, גוט, וועל איך היסן מען זאל זיי באפרייען מיט כבוד.

מאנטעפיארע: פאר די ענגלישע רעגירונג, פאר דאס גאנצע יידישע פאלק וועט אייך ווארעם באדאנקען דערפאר.

מאהעמעט אלי: עס איז מיין גרויסע פארגעניגן וואס איך האב פארט עפעס געטאן פאר אייך.

מאנטעפיארע: עס איז אסך מער ווי עפעס. זאל אייך גאט בענטשן.

(אלע אפ)

מוזיק --- פריילעך

עס קומען אריין צוויי (2) רוסישע יידן.

ערשטער: געדענקט, געדענקט, א ייד דארף האבן בטחון.

צווייטער: אבער די צרות זענען דאך אזוי גרויס, און פון אלע זייטן.

ערשטער: האט ניט ר' משה מאנטעפיארע געהאלפן באפרייען די יידן פון דמשק?

צווייטער: אבער דא שוין געווען אין פעטערבורג, גערעדט מיטן קייסער אליין, האט עס געהאלפן?

ערשטער: האט אביסעלע געדולד ר' ייד, און, דער עיקר, בטחון.

צווייטער: דערמאנט זיך ווי גרויס אונדזערע צרות זענען: קינדער־באפערס, קאנטאניסטן, אלע יידן ארויסגעטריבן ארום די גרענעצן פון דייטשלאנד און עסטרייך, מען רודפט אונדזערע חדרים, מען וויל דווקא מיר זאלן בייטן אונדזערע חדרים, מען וויל דווקא מיר זאלן בייטן אונדזערע מלבושים. וועט דען ר' משה מאנטאפיארע קענען אויסהיילן אט די אלע מכות וואס פארביטערן אונדזער לעבן?

ערשטער: מיטן אייבערשטנס הילף, אוודאי. ווען אונדזערע שליחים זענען געקומען צו אים קיין לאנדאן האט ער באלד מסכים געווען צו פארן צום קייסער. און ווי מען האט אים אויפגענומען אין פעטערבורג. ער איז דאך א שר, כמעט ווי א מיניסטער, אפשר נאך גרעסער פון א מיניסטער.

צווייטער: יא, ער האט אויך זיין יידישקייט ניט פארגעסן, א טייערער ייד.

ערשטער: און די מעשה מיט ר' צבי הירש וואלאזין ווייסטו ?

צווייטער: איר מיינט דעם סופר פון ווילנע, דעם גרעסטן סופר ביי יידן ?

ערשטער: יא, טאקע אים מיין איך.

צווייטער: איז וואס זשע איז די מעשה?

ערשטער: אז ר' משה איז געוואר געווארן אז אין ווילנע לעבט אזא
טייערער סופר, מיט אזעלכע גאלדענע הענט, און אזא
גרויסער למדן, און אזא ירא שמים, האט ער אים גלייך
געבעטן אז ער זאל שרייבן א ספר תורה אויף זיין חשבון.

צווייטער: טאקע?

ערשטער: און ביז איצט האט ר' צבי הירש שוין געשריבן 22 ספר תורה'ס
פאר ר' משה מאנטעפיארען

צווייטער: וואס טוט ר' משה מיט די אלע ספר תורה'ס?

ערשטער: וואס הייסט, וואס? ער גיט זיי במתנה צו אלע גרויסע יידישע
קהילות.

צווייטער: הלוואי זאל זיין נסיעה קיין פעטערבורג זיך אויך ענדיקן מיט
א מתנה פאר יידן מיט א גרויסער מתנה פארן כלל ישראל.

ערשטער: מען דארף תפילה טאן, אבער געדענקט יידן דארפן בטחון, אסך
בטחון.

(ביידע אפ)

קול: וועגן זיין רייזע קיין רוסלאנד דערציילט מאנטעפיארע אין זיין
טאגבוך.

קול:

Praised be the God of our Fathers. At one o'clock this day I had the honor of an interview with his imperial Majesty the Emperor. I made the strongest appeal in my power. His Majesty spoke for twenty minutes. He said that he put Jewish soldiers in his Guards. It is a happiness to hear from every person, from the very highest to the lowest classes, that my visit to this country will raise the Jews in the estimation of the people, and that his Majesty's reception of me will be of the utmost importance.

קול: רוסישע יידן זענען פול מיט האפענונג אז עס קומען אן בעסערע
צייטן, און זיי זענען פול מיט באגייסטערונג פאר משה מאנטע-
פיארע.

מאנץ - קינדערהיים

3.

6. (דר. לעווי זיצט און שרייבט, ווארפט דורך פאפירן)

דינער: צוויי יידן פון סיריע ווילן אייך זען.

דר. לעווי: זאלן זיי אריינקומען.

עס קומען אריין 2 סירישע יידן. דר לעווי נעמט זיי אויף, בעט
זיי זיצן.

ערשטער: די יידישע קהילה פון דעיר-על-קאמאר, סיריע, האט אונדז
געשיקט אהער צו אפעלירן צום שר משה מאנטעפיארע אין אונ-
דזער גרויסן אומגליק.

דר. לעווי: שוין ווידער אן אומגליק אין סיריע ?

צווייטער: מיר ווייסן וואס איר האט געטאן פאר די ידן פון דמשק אין דער צייט פון בלוט-בילבול. טוט אויך עפעס פאר אונדז, ווארים די סכנה איז גרויס.

דר. לעווי: ?

ערשטער: שוין ווידער א בלוט-בילבול- זיי זאגן אז עפעס זייערס א קינד איז פארלוירן געווארן, און מען ווארפט די שולד אויף אונדז.

צווייטער: עס איז טאקע באלד שטילער געווארן, מיר ווייסן אז דער ענגלישער קאנסול האט זיך ארייננגעמישט, אבער באלד איז געקומען א צווייטער פאל, און ווידער אינטריגירט קעגן אונדז דער פראנצויזישער קאנסול.

דר. לעווי: סער משה מאנטעפיארע האט שוין לאנג געהאט בדעה זיך צו ווענדן צום קעניג לואי פיליפ. מיר ווייסן ווי אומזיכער ידן זענען אין סיריע.

ערשטער: דאס איז זייער גוט. דער פראנצויזישער קעניג קען אונדז אסך העלפן.

דר. לעווי: איר קענט גיין בשלום. מיר וועלן טאן אלץ וואס מיר קענען
(ידן אפ)

דינער: צוויי ידן ווילן זיך זען מיט אייך.

דר. לעווי: זאלן זיי ארייננקומען. עס קומען ארייך 2 איטאליעניטע ידן.

דר. לעווי: ווי איך זע, איטאליענישע ידן. מסתמא וועגן עדגאר מארטארא פון באלאניא.

ערשטער: א וועכטער פון פאבסט האט אוועקגענומען דאס ידישע קינד עדגאר מארטארא פון זייעע עלטערן און מען וויל עס צו טאטע-מאמע ניט אומקערן.

צווייטער: דאס דינסט-מיידל, אנא מאריסי, וואס האט געארבעט ביי די מארטאראס, זאגט אז זי האט אים געשמדט ווען עדגאר איז בלויז איין יאר אלט געווען. איז ער דאך א קריסט און די קאטוילישע קירך דארף אים דערציען.

בר. לעווי: דער מארטארא - פאל איז אונדז זייער גוט באקאנט. סער משה האט מיר געזאגט אז ער וועט פארן קיין רוים, אבער דאס הארץ איז זייער שווער וועגן דעם.

ערשטער: פארוואס ? ביי די ידן אין אונגארן, און בלוט-בילבול פון טישא - עשלאר, איז געווען אסך ערגער, און דאך ווייסן אלע אז ר' משה מאנטעפיארע האט געהאלפן.

דר. לעווי: יא, אבער דא האנדלט זיך וועגן א געזעץ פון דער קירך.

צווייטער: א געזעץ ? אזעלכע מערדער, נאר אונדזער בלוט ווילן זיי.

דר. לעווי: איך פארזיכער איך אז אלץ וועט געטאן ווערן.

דינער: צוויי ידן פון מאראקא. זאל איך זיי אריינלאזן?

דר. לעווי: בעט זיי אריינקומען. עס קומען אריין 2 מאראקאנער ידן.

איינער: מיר קומען מיט א געוואלט-געשריי פון די ידישע קהילות אין מאראקא.

דר. לעווי: מיר ווייסן אלץ. איר מיינט וועגן דעם שפאניער וואס איז פלוצלונג געשטארבן אין טאפי, מאראקא און מע באשולדיקט ידן.

צווייטער: מען האט באשולדיקט א ידיש יינגל וואס האט ביים שפאניער געארבעט. מען האט דאס יינגל שרעקלעך געפייניקט, ביז ער האט זיך מודה געווען, און אריינגעמישט נאך עלף ידן.

ערשטער: ווען מען האט אים אויפגעהערט צו פייניקן האט ער באלד אלץ אפגעלייקנט, אבער סיי ווי האט מען אים פארמשפט צום טויט.

צווייטער: איצט, הענגט א שווערד איבער אונדזער אלעמענס קעפ.

דר. לעווי: איך ווייס, מיר ווייסן, און זאל גאט אונדז העלפן.

ערשטער: מיר ווייסן אויך וואס דער שר משה מאנטעפיארע האט געטאן פאר אונדזערע ברידער אין פערסיע. אויך דארטן איז אונדז אזוי ביטער. זאל ער רחמנות האבן אויף אונדז אויך. אנדערש וועלן מיר דאך אלע אומקומען.

דר. לעווי: לאמיך איך שוין אויסזאגן. סער משה האט שוין א פארזיכערונג אז קעניגן איזאבעלא פון שפאניע וועט אים אויפנעמען, אויך דער סולטאן פון מאראקא. מיר פארן אין טאנזשיר.

ערשטער: הלוואי זאל גאט אייך באלייטן אויף אייער וועג.

צווייטער: מען דערציילט דאך וואונדערלעכע זאכן וועגן ר׳ משה מאנטעפיארע.

דר. לעווי: יא, ער איז א וואונדערלעכער מענטש.

ערשטער: מען דערציילט אז ווען ער איז ניט לאנג צוריק געווען אין רומעניע, האט אים פרינץ שארל זייער פריינדלעך אויפגענומען, אבער אנטיסעמיטן האבן אים געוואלט אומברענגען, איז דאס אמת?

דר. לעווי: אמת.

ערשטער: זיי האבן זיך פארזאמלט ארום זיין האטעל און ווילד געשריגן קעגן אלע ידן.

דר. לעווי: ווייסט איר וואס סער משה האט געטאן?

צווייטער: דאס איז דאך דער עיקר. ער האט געעפנט א פענצטער און געשריגן צום ווילדן המון, וואס איז געשטאנען מיט אויפגעהויבענע פויסטן: שיסט אויב איר ווילט. איך בין געקומען אהער זיך איינשטעלן פאר אומשולדיקע קרבנות פון אוממענטשלעכקייט.

ערשטער: מען זאגט אז גלייך נאך דעם איז ער אין אן אפענער קארעטע געפארן דורך בוקארעסט, און שום מורא.

דר. לעווי: אמת, אלץ אמת. הלוואי זאלן אונדזערע ברידער אין מאראקא אויך שוין ווייסן פון א רואיק, יידיש לעבן.

ביידע: הלוואי, הלוואי – (אפ).

דר. לעווי: דר. לעווי זאגט תפילה'דיק (מוזיק):

אל תבטחו בנדיבים ובבן אדם שאין לו תשועה.
איר זאלט אייך ניט פארזיכערן אויף פירשטן,
אויף א מענטשן קינד וואס ניטא ביי אים קיין הילף.
גייט אויס זיין אטעם קערט ער זיך אום צו זיין שטויב.
אין יענעם טאג גייען אונטער זיינע טראכטונגען.

(אומבאמערקט קומט אריין מאנטעפיארע. קוקט פארחידושט).

מאנטעפיארע: דאקטער, דאכט זיך אומעטיק, הא ?

לעווי: א ביטערן טאג געהאט, יידן פון פארשיידענע לענדער. נאר צרות און צרות, און אלע בעטן אייער הילף. יידן פון..

מאנטעפיארע: איך ווייס, איך ווייס, פון סיריע, פון איטאליע. פון מאראקא, איך ווייס.

לעווי: רבונו של עולם, ווען וועט דאס נעמען א סוף ? ווי קען מען דאס אריבערטראגן ?

מאנטעפיארע: ניין, דאקטער, אזוי טאר א ייד ניט טראכטן. בטחון, מיר זענען יידן.

לעווי: איך האב נאר וואס געזאגט דאס באליבטסטע קאפיטל תהילים, אייערס.

מאנטעפיארע: אט אזוי, אט אזוי: אל תבטחו בנדיבים ובבן אדם שאין לו תשועה.

לעווי: אפשר האט איר געבראכט א גוטע בשורה ?

מאנטעפיארע: יא, עס וועט אייך זייער פרייען צו הערן וואס איך האב צו דערציילן פון ארץ ישראל.

לעווי: אדרבא, דערציילט, דערציילט.

מאנטעפיארע: דערוויל בלויז אן אנהייב אבער אן אנהייב פון גוטס.

לעווי: אפשר עפעס וועגן דער ירושה פונעם בארימטן יידן פון אמעריקע ?

מאנטעפיארע: ריכטיק, די יורשים פון יהודה טורא פון ניו ארלינס האבן מיר איבערגעשיקט $50.000 פון זיין ירושה אז איך זאל הייסן עפעס בויען אין זיין נאמען אין ארץ ישראל.

לעווי: מען דארף טאקע טראכטן וועגן א גוטן פלאן פאר די יידן אין ארץ ישראל.

מאנטאפיארע: איך האב נאך גוטע בשורות פון הייליקן לאנד. אט האב איך היינט געקראגן דאס ערשטע ספר געדרוקט אויף דער דרוק-מאשין וואס איך האב געשיקט אהין (ווייזט אים דאס ספר).

לעווי: דאס וועט ברענגען ניי לעבן אינעם חרובן לאנד.

מאנטעפיארע: באלד וועלן פון דאנען אוועקפארן די דריי ידן וואס מיר האבן .געבראכט אהער זיך אויסצולערנען ארבעטן אויף א וועב-מאשין. מען דארף אריינברענגען נייע פאכן, ארבעט, ידן זאלן קענען לעבן פון מלאכה, פון באארבעטן די ערד.

לעווי: אמת, זייער גוטע בשורות.

מאנטעפיארע: דאס איז נאך נים אלץ. די חברות וואס מיר האבן דארט געשאפן, משכנות ישראל און אוהל משה, האבן מיר צוגעשיקט די פלענער פון די נייע געביידעס וואס מען שטעלט זיך בויען אין ירושלים. מען דארף אויסרוימען דארט די חורבות, די ארעמקיים (ווייזט אים די פלענער).

לעווי: ארץ ישראל וועט טאקע ווערן אן ארץ ישראל.

מאנטעפיארע: און אויב איר האט א רייכע פאנטאזיע האב איך איך נאך עפעס צו דערציילן.

לעווי: וואס ?

מאנטעפיארע: איר געדענקט אונדזער באגעגעניש מיטן ענגלישן קוירנעלץ

לעווי: יא, א מאדנער מענטש געווען אזא מיסטיקער, פון אינדיע איז ער געקומען, יא, איך געדענק, קוירנעל טשוירטשיל האט ער געהייסן.

מאנטעפיארע: ריכטיק, זייער א מאדנער מענטש, און זייער א גרויסער פריינד פון ידן.

לעווי: איז עפעס מיט אים געשען?

מאנטעפיארע: ניין, נאר ער שרייבט מיר אז עס איז געקומען די צייט אז אלע ידן זאלן ווידער אויפבויען א ידישע מלוכה אין ארץ ישראל. ער ווייס אז גרויסע פאליטיקער און מיליטער-לייט וועלן העלפן אין דעם.

לעווי: דאס איז א מאדנע פאנטאזיע פון א מיסטישער נאטור.

מאנטעפיארע: דאס איז שוין צופיל חלום. איך טראכט בלויז ווי מען דרייט זיך ארויס פון דעם, און אים ניט באליידיקן.

לעווי: א ווילדער געדאנק, אבער... ע ....

מאנטעפיארע: איך האב מורא אז איר ווערט שוין באלד מיטגעריסן

לעווי: ניין, ווי קען א דאס זיין ? נאר דאך...הא-הא-הא, אן אייגענע מלוכה אין ארץ ישראל ? משיח׳ס צייטן ? ווי שווער עס איז צו גלייבן. און דאך? און אפשר?

מאנטאפיארע: דאקטער, וואס איז מיט אײך ?

לעווי: ײדן פון סיריע, פון איטאליע, פון מאראקא, דאס הארץ ווערט צעריסן פון פײן, איז אפשרץ אפשר וועט עס דאך נעמען א סוף מײן האר, לאמיר נאכאמאל פארן קײן ארץ ישראל.

מאנטעפיארע: איר זײט אן אומפראקטישער מענטש. אבער פארן קײן ארץ ישראל, דאס יא, איר ווײסט אז איך בין אלעמאל גרײט.

לעווי: גוט, מיר פארן קײן ארץ ישראל. א חלום? יא א חלום. און אפשר מער ווי א חלום (אפ)

קול: שיר המעלות בשוב ה׳את שיבת ציון הײנו בחולמים

אז גאט האט אומגעקערט די אומקערונג פון ציון זענען מיר געווען ווי אין חלום.

קעמפ - - - (זאגט איבער)

קול: דענסמאל איז פול געווארן אונדזער מויל מיט געלעכטער און אונדזער צונג מיט געזאנג.

קעמפ - - - (זאגט איבער)

טאנץ - שטימונגספולע תפילה.

4.

עס קומען ארײן צװײ ײדן.

ײד 1 (מיט בוך אין האנט): אזא אינטערעסאנטע ביאגראפיע ווי משה מאנטעפיארעס האב איך שוין לאנג ניט געלײענט.

ײד 2: אזוי פיל געטאן, און געלעבט 101 יאר דאס איז טאקע א זעלטנקײט.

ײד 1: ווי פרײ און שטאלץ ער איז געווען מיט זײן ײדישקײט, כאטש ער איז שטענדיק געווען צווישן קעניגין און פרינצן.

ײד 2: דאס איז טאקע נאך מער זעלטנקײט.

ײד 1: אין טויט פונקט ווי אין לעבן (עפנט בוך) אט זע:

On the eve of the Sabbath, July 31, 1885, attended by deputations of Jewish and non-Jewish public bodies, his body, wrapped in a Talith in which he had been married and sprinkled with earth he had brought from the holy land, was laid to its eternal rest in the Mauseleum that he had built near his synagogue in Ramsgate to hold the mortal remains of his wife, from whom even in death he was not divided. The monnning of his people was echoed by the great world outside.

ייד 2: איך טראכט אז ווען ער וואלט געהאט צו זיך א דאקטער הערצל
וועד ווײס ווי ווײט מיר וואלטן שוין הײנט געהאלטן.

ייד 1: יא, זײער מעגלעך, זײער מעגלעך (גײען צו צו דעקאראציעס)
דעקאראציעס ווערן געביטן.

מאנטעפיארע, זײן וואפן־שילד, הערצל.

ייד 2: בײדע פעלן אונדז הײנט, בײדע.

ייד 1: אבער דאס וואס משה מאנטעפיארע האט אויפגעטאן אין ארץ ישראל
איז געווען א פונדאמענט.

ייד 2: און דער אנהײב איז אלעמאל שווער.

ייד 1: און נאך שווערער פאר אונדז, ײדן. לײען זײן טאגבוך וועסטו דאס
זען (אפ).

קול: ווײסט איז געווען ארץ ישראל, דאס לעבן איז געווען אומזיכער.
ווי בילדלעך עס הערצײלט וועגן דעם משה מאנטעפיארע אין זײן
טאגבוך.

קול: (ענגליש):

I was longing to see Jerusalem. Those were exciting moments as we ascended and descended the hills and dales leading to the Holy City. I thought how much exposed the traveler was to attacks of a Bedouin, or some others. Just as I thought of this two Bedouins, in full speed dashed along from behind some hidden rock, and directed their course right up to our carriage. "Good Heaven", I thought, "what in the world will they do with us?"- But Dr. Loewe, who was with me in the carriage, suddenly called out as loud as he could, "Sholem Aleichem, Reb Yossef, Sholem Aleichem Reb Yudle", and turning to me he said, "These are not Bedouins, though they are dressed exactly like them, and gallop along the hills like the sons of the desert, but they are simply our own brethren from Jerusalem who, I have no doubt, came to ascertain the exact time of your intended entry into Jerusalem, to give timely notice to the people to come out to meet you". And so it was.

(די צוויי ײדן קומען שנעל ארײן)

ייד 1: אז מען לײענט משה מאנטעפיארעס טאגבוך זעט מען וואס ארץ
ישראל איז דורכגעגאנגען ביז עס איז געווארן דאס וואס עס
הײנט.

ייד 2: דאס האבן מיר אים (טײטלט אויף הערצלען) צו באדאנקען.

ייד 1: אבער משה מאנטעפיארע האט געמאכט א גרויסן אנהײב. באטראכט
די נײע קווארטאלן אין ירושלים: ימין משה, זכרון משה,
קרית משה - אלץ אויפן נאמען פון משה מאנטעפיארע.

אײנער(קומט צולויפן): געהערט? הײנט אין דער פרי האבן די אראבער געמאכט
א גרויסע אטאקע אויפן ימין משה קווארטאל אין ירושלים.

ײדן: קרבנותן

אײנער: מען װײס נאך ניט, אבער די הגנה באשיצט דעם קװארטאל מיט העלדישער אײנגעשפארטקײט.

ײד 2: אױף דער הגנה קען מען זיך פארלאזן. די ירושה װאס איז אנגעװאקסן פון משה מאנטעפיארעס אױפטואײז אסך גרעסער װי ער האט זיך פארגעשטעלט.

אײנער: ירושלים איז אין גרױס געפאר, אבער מיר האבן אױך גרױס האפענונג.

ײד 1: (הײבן אלע אן גײן) איר זעט ײדן, איצט ראטעװעט הערצל מאנטעפיארען.

ײד 2: גוט געזאגט, איצט ראטעװעט הערצל מאנטעפיארען.

אײנער: און דאס ײדישע פאלק ראטעװעט בײדן. (אפ)

(מוזיק שפילט עפעס קעמפערישס)

קול: א פירער קומט, א פירער גײט, דאס פאלק, דאס פאלק לעבט אײביק.

קעמפ: עס קומט ארױס אמעריקאנער, ײדישע פאן בזיבעריקער פאן.

אלע שטעלן זיך אױף זינגען התקוה.

מארש ארױס צום מיט-סעזאן ניגון.